Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 265 | Łódź, Wtorek, 15 listopada 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ט״ז מרחשון תרצ״ג | № 265

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

# יודישער ווירטשאפטליכער קאנגרעס

## צו ווידעראויפבויען די יודישע עקאנאמישע פאזיציעס אין פוילען

## נעכטיגע גרויסע ווירטשאפטליכע בעראטונג איז ווארשא

וו א ר ש א, 14 (ימ״א טעלעפאניש).

היינט איז פארגעקומען א ווירטשאפטליכע בעראטונג, אין וועלכער ס׳האבען זיך בעטייליגט פארשטעהער פון ווירטשאפטליכע און געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס און אויך פארשטעהער פון דער פרעסע. די בעראטונג איז צוזאמענגערופען געווארען אויף דער איניציאטיוו פון צענטראלען קליינהענדלער-פעראיין.

אויף דער בעראטונג איז ארומגערעדט געווארען די קאטאסטראפאלע לאגע פון יודישען מיטעלשטאנד אין פוילען. דער יאוש וואס הערשט אויף דער יודישער גאס, פיל קהלות זענען בעדראהט אונטערצוגעהן.

אין דער דיסקוסיע האבען זיך בעטייליגט די גרעסע-פארשטעהער: לעוואקאוויטש, סטופניצקי, הלל צייטלין, אלחנן צייטלין א.א.

אין דער אנגענומענער רעזאלוציע ווערט אונטערגעשטראכען, אז די ווירטשאפטליכע לאגע פון יודישען מיטעלשטאנד אין פוילען איז א קאטאסטראפאלע. ס׳איז בעשלאסען געווארען צו רופען א ווירטשאפטליכע קאנפערענץ פון די יודען אין פוילען, כדי צו שאפען אנ׳ארגאן צו פאראייניגען אלע כוחות פאר׳ן ווירטשאפטליכען ווידעראויפבוי פון די יודישע עקאנאמישע פאזיציעס אין פוילען.

אין ארגאניזיר-קאמיטעט זענען צווישען אנדערע אריין: גוטערמאן, געפנער, גלאצער, דעפ. ווישליצקי, גאטליב, זינדעלעוויטש, מאזעס, ליבערמאן, ליקערמאן חיים ראסנער, הלל און אלחנן צייטלין, ראטענשטריך א.א.

## 18 מיטגלידער פון הסתדרות בעקומען פערשידענע טערמינען תפיסה

### צוליב׳ן צוזאמענשטויס מיט די רעוויזיאניסטען

י ר ו ש ל י ם, 14 (י.ט.א. טעלעגראפיש)

אין געריכט איז היינט פארגעקומען דער פראצעס געגען 25 יודישע ארבייטער, צוליב׳ן אינצידענט פון די רעוויזיאניסטען מיט הסתדרות׳ניקעס אין פרומקינס ביסקוויטען-פאבריק. 8 אנגעקלאגטע הסתדרות׳ניקעס האבען בעקומען צו 3 חדשים, 10 צו 1 חודש ארעסט אדער צו 10 פונט שטראף. די איבריגע זענען בעפרייט געווארען.

## יודען אנטלויפען פון מאנדזשוריען קיין שאנכאי

ש א נ כ א י (יט״א) קיין שאנכאי קומען אן פיל יודישע פאמיליעס פון כארבין, וועלכע פערלאזען מאנדזשוריען צוליב פערפלייצונג, בירגערקריג און עקאנאמישען קריזיס. דער גרעסטער טייל אנקומענדע געהערט צום מיטעל-שטאנד. אבער אויך אין שאנכאי איז די עקאנאמישע לאגע נישט קיין גוטע. די, וועלכע קענען זיך נישט איינארדנען אין שאנכאי, צושפרייטען זיך אין די טיפערע ישובים אין פארט-שטעט פון דרום-כינא. זיי עפענען געוועלבער, רעסטאראנען און פערשידענע אונטערנעהמונגען צו בעדינען די ארטיגע אויסלענדישע בעפעלקערונג. עס געפינען זיך יונגע יוד. ישובים אין אזעלכע ערטער פון כינא, וואו נאר אויסלענדישע שיפען שטעלען זיך אב.

יודיש טעאטער פילהארמאניע

אנפיהרונג: א. בעזמאן און א. שטאקפעדער

פרייטאג, דעם 18 נאוועמבער ד. י.

גראנדיעזער טעאטער-אווענד

אנסאמבל:

די בעריהמטע סובריעטין

רעגינא צוקער

בעריהמטער ארטיסט און זינגער

הערמאן פעניגשטיין

בערטא זאסלאווסקא, עווא שטאקפעדער, ליזא שלאסבערג, סאניא בעזמאן, לעאן געטליבערמאן.

קארל צימבאליסט, אהרן אייזענבערג, יוסף נייווירט, דוד האמבורגער

דיריגענט: ל. זעלמאן.

עס ווערט געשפילט:

1) דער געקויפטער חתן

קאמעדיע אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ.

2) דאס חזנ׳דל

2-טער אקט.

3) ליד און טאנץ קאנצערט-קאנקורס:

רעגינא צוקער: 1) יוסל... 2) 7 גוטע יאהר. 3) איך דאנק דיר גאטעניו. 4) א יודיש יונגעל — פון דוד בייגעלמאן.

הערמאן פעניגשטיין: 1) א חזנ׳דל אויף שבת. 2) אל תשלחינו מלפניך. 3) אף ברי. 4) אהבת עולם.

בערטא זאסלאווסקא: פאלקס לידער. לעאן געטליבערמאן: ראמאנסען. עווא שטאקפעדער און אייזענבערג: קאמישע דועטען. ליזא שלאסבערג: מאדערנע טאנגאס. יוסף נייווירט: קופלעטען.

בילעטען שוין צו בעקומען איז קאסע פון פילהארמאניע.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20.

מיטוואך, דעם 16-טען ליסטאפאד, פינקטליך 9 אווענד, ווערט פארקומען

איינאייגציגער רעליגיעזער קאנצערט

פון וועלט-בעריהמטען אויבער-קאנטאר פון ווארש. סינאגאגע ר׳

משה קוסעוויצקי

וועלכער וועט אויספיהרען תפלות, פאלקס-לידער און אפערן-אריעס פון זיין נייען רעפערטואר

ביים קלאוויר: פר׳ ליכטערמאן-דאווידאוויטש

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20

6069

צוליב דעם 10-טען יאהרצייט פון חזן-קאמפאזיטאר ר׳ אברהם דוב בירנבוים ז״ל, וועט משה קוסעוויצקי זינגען א קאפיטעל תהלים און מאכען א הזכרה נאך דעם פערשטארבענעם.

בילעטען צום פרייז פון 1,09 זל. שוין צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע טעגליך, פריה פון 11 ביז 2 א זייגער און נאכמיטאג פון 5 ביז 7 א זייגער.

